בס"ד


שנה ד'
נומער 178
**פרשת קרח**
**(חקת בא"י)**
תשפ"ג


# קרית ברסלב בלעטל



מוהרא"ש זי"ע
באזוכט אין קעמפ
שנת תש"ע

# מחנה היכל הקודש
## טרעט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אריין אינעם פופצנטן יאר



כיתה ט' אין שטעטל באזוכט א מוזעאום נאכן לערנען פלייסיג



דער ראש ישיבה באזוכט אין תלמוד תורה קרית ברסלב - ג' שלח



היסטאריע ווינקל: מחנה היכל הקודש שנת תשע"א

# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.



צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyoimiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty

קרח ה' תמוז תשפ"ג

הדלקת הנרות.........08:19

מוצאי שבת............09:49

מנחה מעריב חקת-בלק ... 09:35




שטעטל נייעס

נאך א מקוה ווערט געגאסן

4



היכל הקודש נייעס

פרישע אפדעיטס פון אומאן ראש השנה

5



געדאנקען

ביסט נארמאל? האסט פרוף?

6




היסטאריע

מחנה היכל הקודש שנת תשע"א

10



מיט א טיפערן בליק

שבת אין שטייגע

22



סעודה מיט'ן ר"

שבת פרשת במדבר

28


## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 23 | 74°/61° | | Showers |
| Sat 24 | 74°/61° | | Scattered Thunderstorms |
| Sun 25 | 75°/59° | | Scattered Thunderstorms |
| Mon 26 | 73°/56° | | Scattered Thunderstorms |
| Tue 27 | 68°/56° | | Scattered Thunderstorms |
| Wed 28 | 73°/57° | | Scattered Thunderstorms |
| Thu 29 | 74°/57° | | Scattered Thunderstorms |
| Fri 30 | 75°/57° | | Scattered Thunderstorms |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט

**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל'ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**

שיחות הר"ן רכ"א

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה מרדכי אינדיג הי"ו**

מנהל תלמוד תורה היכל הקודש

**וזוגתו מלכה תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה ברוך יאקאבאוויטש הי"ו**

**וזוגתו האדיא תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

בעזרת השם יתברך

# מוסדות היכל הקודש

מיסודו של כ"ק מוהרא"ש זיע"א

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## מזל טוב ומזל טוב

פון טיפן הארצן וואונטשן
מיר א הערצליכן ברכת מזל
טוב פאר ידידינו הנכבד, וואס
געבט זיך אוועק טאג און נאכט צו
פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס
ליכטיגקייט אויף די וועלט, בספר
נפבין, ובאוזן שומעת, און שטייט אונז
שטענדיג צו די רעכטע האנט מיט אלע
סארט הילף.

## הרב מרדכי שאול יעקב
## איידינג שליט"א

### מנהל תלמוד תורה היכל הקודש

לרגל די געבורט פון א אינגל
למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען
אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און אלע
קינדער געזונטערהייט, די קייט פון
שמחות זאל זיך נישט אפשטעלן,
ביז מיר וועלן זוכה זיין צו
פארפלייצן די גאנצע וועלט
מיט דעם הייליגן רבינ'ס
עצות, שכל און חיזוק
און מיט דעם ברענגן
די גאולה שלימה

וואונטשן:

תלמוד תורה היכל הקודש ווילאמסבורג | תלמוד תורה היכל הקודש קרית ברסלב | תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל | תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים | תלמוד תורה היכל הקודש טבריה

**הנהלת המוסדות**

# שטעטל נייעס

## נאך א מקוה ווערט געגאסן אין שטעטל מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף



אין די יעצטיגע טעג האט מען אנגעהויבן גראבן א פרישע מקוה ביים בית המדרש אשר בנחל אויף די דענמאן גאס, וואס דינט אלס א שבת שול פאר די געגענט ארום.

ביז יעצט איז געווען אהערגעשטעלט א שיינעם ריינעם מקוה, אבער אויף א פראוועזארישע אופן, יעצט האט דער ראש ישיבה געזאגט מען זאל אהערשטעלן א געהעריגע מקוה מיט אלע הידורים, כדי די מתפללים זאלן זיך קענען טובל'ן אין א פיינעם מקוה יעדן שבת.

די ארבעט ווערט געמאכט דורך אונזער חבר הנהלה מו"ה יואל הכהן ראזענבערג הי"ו צוזאמען מיט די הילף פונעם קאנטראקטער האברך מו"ה משה איינהארן הי"ו, מען פרובירט זייער שטארק אז די מקוה זאל זיין גרייט צום באניץ גלייך אנהייב פונעם זומער סעזאן הבא עלינו לטובה.

דער בית המדרש אשר בנחל טראגט גאר א גוטער נאמען אלס א גוט ווינקל ווי מען קען זיך אנשעפן מיט חיזוק פאר די גאנצע וואך, דער ראש ישיבה האט געשטעלט דעם חשובן דיין שליט"א זאל פירן דעם בית המדרש און רעדן ביי סיפורי מעשיות און שלש סעודות. דער דיין שליט"א איז משמיע יעדע וואך געוואלדיגע חיזוק צו דינען דעם אייבערשטן אויף די וועג וויאזוי דער ראש ישיבה לערנט אונז שטענדיג, און איז אונז מעורר ביי די שיעורים.

**מה מקוה מטהר את הטמאים**

## מסיבת חומש סעודה אין שטעטל



פארגאנגענעם זונטאג קרח איז פארגעקומען די חומש סעודה אין שטעטל. פון אנפאנג יאר לערנט מען מיט די קינדער די הייליגע עברי מען לערנט און מען חזר'ט מיט יעדן קינד באזונדער, מען לייגט אריין כוחות אין יעדן קינד ער זאל קענען די עברי ווי עס דארף צו זיין. יעצט איז געקומען די פריילעכע צייט ווען מען שניידט די פירות און מען פראוועט א חומש סעודה, בהשתתפות פון אלע חשובע עלטערן און זיידעס פון די קינדער. די קינדער האבן געזינגען שיינע אידישע ניגונים און דערנאך שיין געזאגט די פסוקים וואס מען זאגט ביי א חומש סעודה ווען מען הייבט אן חומש.

דער מנהל מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א האט גערעדט אפאר ווערטער ארויסברענגענדיג די געוואלדיגע דאנק וואס מען דארף געבן פארן אייבערשטן אז מען האט אזא תלמוד תורה וואס מען לייגט אריין א געוואלדיגע ליבשאפט צו די תורה און צו מצוות אויף דעם שיינעם ארגינעלן וועג וויאזוי אונזערע רבי'ס האבן אונז געלערנט.

ביים סוף האט דער מנהל שליט"א ארויסגעברענגט א געוואלדיגע דאנק פארן געטרייען כיתה א' מלמד מו"ה בערל שניטצלער הי"ו וואס לייגט אריין כוחות אין די קינדער א גאנץ יאר, און יעצט שניידט מען די פירות, ווען מען זעט אז די קינדער קענען די אלף בית מיט די גאנצע געשמאק.

בלייבט נאר איבער צו דאנקן דעם אייבערשטן אז מיר האבן אזא הייליגע מוסד וואס מען איז מחנך די קינדער אויף אזא ריינעם וועג פון שמחת המצוות, אידישקייט ווערט געפיטערט מיט א געשמאק און א זיסקייט, און מען גיבט זיך אפ מיט יעדע קינד באזונדער ווי עס זאל זיין א אייגן קינד.

היכל הקודש

# נייעס

אומאן

## פרישע אפדעיטס פון אומאן תשפ״ד הבעל״ט



ווי שוין באריכטעט קען מען דערווייל נישט ארייפארן קיין פליגערס דירעקט קיין אוקריינא צוליב די מלחמה צושטאנד, און מיר האבן געמאלדן די פלענער וואס פלען איט רייט האט ארויסגעשטעלט צו מאכן צוויי טשארטערס פלייטס פון ניו יארק קיין פוילן וואס דערנאך וועט מען בעזרת השם פארן מיט א טשארטער באן קיין אומאן.

אין די זעלבע צייט ארבעטן די עסקנים פון די קהילה העפטיג אז דער בנין אין אומאן זאל ווערן צוגעשטעלט מיט אלע געברויכן וואס עס פעלט נאר אויס.

אין די יעצטיגע טעג טוט זיך א רייניגונג אינעם בנין, מען פרישט אלעס איבער, מען מאכט זיכער אז אלעס איז גוט מעינטענד און גרייט. אזוי אויך האט מען שוין אנגעצינדן די וואסער קוועלער, אזוי ווי דער בנין איז נישט פארבינדן צום שטאטישן וואסער סיסטעם, וואס קען ממילא נישט צושטעלן דעם ריזיגן כמות פון וואסער וואס מען פארנוצט אין די טעג פון ראש השנה, האט מען ברוך השם עטליכע גוטע וואסער קוועלער, וואס מען האט שוין יעצט אנגעצינדן, און די וואסער גייט אריין אין עטליכע גיגאנטישע אונטערערדישע וואסער טענק וואס אזוי ארום וועלן די קוועלער בעזרת השם קענען צושטעלן דעם ריזיגן געברויך פון אנשי שלומינו פארן מקוה, שויערס, בית הכסא, נטילת ידים.

אזוי אויך מאכט מען שוין אין די טעג די באשטעלונגען פאר די עסנווארג וואס מען וועט דארפן, מען באשטעלט שוין די פלייש, פיש, פירות, ירקות, טרונקען און אזוי ווייטער, און מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט עס אנקומען פרישערהייט אין די ריכטיגע צייט פאר יום טוב, אז מען זאל קענען צושטעלן די געשמאקע יום טוב סעודות.

דער בנין אין אומאן איז א פראיעקט וואס דער ראש ישיבה שליט״א איז אריין נאכדעם וואס מוהרא״ש זי״ע האט אים געהייסן צוזאם נעמען אנשי שלומינו מען זאל האבן א ווינקל פאר זיך, און מען פלעגט אויסגעבן ריזיגע געלטער יאר יערליך צו דינגען א פלאץ, וואס איז כסדר זייער שנעל אויסגעוואקסן פון פלאץ, ביז מען האט באשלאסן אז אן אייגענע פלאץ מיט אן אייגענע בנין וואלט געווען די פראקטישסטע און בעסטע אפציע.

מען האט ברוך השם מצליח געווען אפצוקויפן א שטח, ווי מען האט געבויעט דעם גרויסן בנין וואס באשטייט פון זעקס ריזיגע שטאקן, וואס כאטש מען האט געמיינט אז דאס וועט נוצן פאר לאנגע יארן, האט מען אבער קיינמאל געקענט גענիסן דארט פון צופיל הרחבת הדעת, ווען יעדעס יאר כאטש מען האט כסדר צוגעבויעט נאך א שטאק און נאך א שטאק, און דערנאך האט מען צוגעלייגט נאך בעטן, איז קיינמאל געווען גענוג פלאץ פאר אלעמען, און מען האט יעדעס יאר ליידער געמוזט אפזאגן די וואס זענען געקומען נאכדעם וואס עס איז שוין נישט מעגליך געווען צוצולייגן נאך פלאץ. היי יאר פרובירט מען נאך מטכס עצה צו זיין וואס מען קען טון אנצונעמען וואס מער מענטשן.

אויך אנטהאלט דער בנין אברייטע געשמאקע מקוה מיט שויערס, א קאמערציאלע קאך ווי די עסקנים קאכן אפ אלע געשמאקע סעודות פארן ציבור. אזוי אויך אנטהאלט דער בנין א גרויסע רחבות'דיגע בית המדרש מיט הונדערטער זיצן ווי אלע קענען קומען, און אפילו די וואס האבן נישט געקענט רעזערווירן קיין בעט אינעם בנין וועלן קענען מיטהאלטן די ווארימע תפילות און שיינע דרשות פונעם ראש ישיבה שליט״א במשך די ראש השנה טעג.

מיר האפן אייך צו האלטן אינפארמירט מיט אלע אפדעיטס וואס וועלן זיך מאכן.

דער עיקר איז נישט פארגעסן צו גיסן תפילות צו יעדע געלעגנהייט מען זאל זוכה זיין צום גרויסן זכי' פון קענען קומען צום הייליגן רבין אויף ראש השנה, א זאך וואס ער האט זייער געבעטן און געמאנט, און ער האט געזאגט "קיינער טאר נישט פעלן".

# ביסט נארמאל?
# האסט פרוף?




משה ארי' שניטצלער

איך בין געווארן זייער איבערגענומען, כ'האב געזען אויפ'ן דעקל פון קרית ברסלב בלעטל, ווי מיין טייערע מחותן ר' אהרן הי"ו טאנצט אזוי פריילך. ער מאכט שוין די פיפטע חתונה אומזיסט.

זעקס יאר צוריק, גלייך נאך שבועות, האט דער גרויסער זיסער לעכטיגער באשעפער געמאכט מיט מיר צוויי גרויסע נסים (בנוסף צו דעם וואס יעדן טאג וואס מ'לעבט איז איין שטיק נס), איינס אז מיין צווייטער זון מו"ה הערשל הי"ו האט חתונה געהאט, ברוך השם מיר האבן זיך משדך געווען מיט א גאר חשוב'ע משפחה, משפחת הר"ר אהרן וועבערמאן הי"ו.

די צווייטע נס, אז איך האב געקענט זיין א חלק פון די גרויסע הייליגע אונטערנעמונג פון צושטעלן חתונות גענצליך אומזיסט.

קטונתי מכל החסדים, איך בין שולדיג א גרויסן חוב פאר'ן אייבערשטן, אז ער האט אונז געגעבן די זכי' אז אונזער זון איז געווען די ערשטע חתונה "אומזיסט".

איך האב גרויס הכרת הטוב פאר ר' אהרן, למעשה איז ער געווען די כלה'ס צד, די כלה'ס צד איז אין רוב פעלער די וואס קלויבן אויס וואו די חתונה זאל זיין. ווען ס'איז געווען די ערשטע אומזיסטע חתונה אין בית המדרש היכל הקודש ברסלב איז עס געווען א קוראזשפולע אקט פון זיין זייט. ישלם השם פעלו ותהי' משכורתו שלימה מעם השם.

די הכרת הטוב וואס מיר האבן פאר דער ראש ישיבה, דאס גייט נישט אריין אין איין ארטיקל. כ'ווייס נישט צו הונדערט ארטיקלען זענען גענוג פאר דעם.

סיי וועלכע מורה דרך זאל וועלן אויסלערנען זיינע באי בית מדרשו ווי אזוי נישט צו ספענדעווען געלט ווי קליינע בעיבעלעך אן א חשבון, סתם צו ווייזן אז יעדער זאל וויסן אז איך האב מער געלט ווי דו, נעמט ער א ריסק אז מענטשן קענען זיך באליידיגן, ס'קען אויסזען ווי די קהילה וועט ליידן פון ווייניגער פינאנציעלע שטיצע, אדער ווייניגער מתפללים, און דער ראש ישיבה גייט אן מיט א שטארקקייט צו זאגן פאר תלמידים וואס איז ריכטיג און וואס איז נישט, דאס איז א גרויסע נס.

מיין טייערע מחותן האט געמאכט א אימפעקט! מ'עפנט ארגאניזאציעס, מ'ארגאניזירט גמחי"ם, מ'פרינט לעטער-העדס, מ'גייט העלפן דעם עולם חתונה מאכן, איין קהילה האט מער גמחי"ם ווי די אנדערע, מ'זאל קענען בארגן נאך און נאך, ס'זאל יא זיין צען טויזנט דאלער'דיגע בלומען ביי א חתונה פון א פשוט'ן ארבעטער וואס קוים ער שטופט דורך דעם טאג מיט ברויט און א דאך איבער'ן קאפ, אבער מ'מוז אים צושטעלן א גמ"ח צו בארגן פאר בלומען (צען טויזנט ריינוש) און א טייער'ן שטריימל (עשרת אלפים צום צווייטן מאל) און פינף זינגערס (צען טויזנט צום דריטן מאל! זכה לו!).

ביי מיין מחותן האט מען געזען תכלית.

אין ברסלב האט מען געזען ריזאלט'ס אויפ'ן טיש.

ריזאלטס מיינט נישט א מעכטיגע לעטער-העד, זאפטיגע מודעות, בליטשקעדיגע גראפיקס, ריזאלטס מיינט אז יעדע צוויי דריי וואכן קומט פאר נאך א חתונה אדער צוויי, "אומזיסט". פאקט.



אבער איך מוז דאך זיין נארמאל........

אבער איך מוז דאך טראכטן וואס וועט זאגן מיין פערדע קאזן דעיוויד......

דעיוויד?

כ'מיין צו זאגן דוד.

דעיוויד הייסט ער ווען ער אפלייט פאר נאך א זירא-עי-פי-אר-קרעדיט-קארד צו באצאלן פאר די דריי-טויזנט-דאלערדיגע אפשערן פון זיין צוציק שימי, וואס גייט ווערן דריי יאר אין א חודש ארום.

רוב טעג איז דוד "נישט" ביי שימי'ס בעטעלע ווען ער גייט שלאפן. ער האט נישט יעצט קיין צייט. ער בויט יעצט די ביזנעס אז שפעטער זאל ער האבן אסאאאאאאאאאך צייט פאר שימי.

ס'איז דא וואס זאגן אז ווען דוד גייט שוין האבן צייט פאר שימי, גייט שימי נישט האבן צייט פאר זיין ליבליכן פאטער וואס האט נישט געהאט צייט פאר אים.

אנשטאט זיין ביי שימי'ס בעטל אום זיבענע ביינאכט קען ער בעסער נעגאושיעט'ן נאך א דיעל! פאר א נויט וועט ער אריינשרייען צי שימי אויפ'ן טעלעפאון "איי לאוו יו סוויטי!" (באט איי לאוו מיי מאני מאר דען יו)

אבער איך מוז טראכטן וואס וועט זאגן מומע זיפצי........

מומע זיפצי שרייט און קרייט אז פאלשע דזשולערי איז קעגן די מסורה! (איר פאקעט בוק פון ווערסאטשי איז איין שטיק מסורה....... איר שיך פון מאסקינאו איז לויטער טראדיציע, אזוי ווי עס איז מבואר באריכות אין ספר "ה'טראדיציע כהלכתו, למחמירים ביותר")

מומע זיפצי ברענגט קראנטע מקורות אז די פאלשע דיימאנט שטיינער איז די גורם פון נירן שטיינער און גאל שטיינער און צובראכענע ביינער און לעכעריגע ציינער.

מומע זיפצי איז אליין געווען דערביי ווען א כלה וואס האט געהאט א זירקאניע שטיינדל און אויף די שכן'טע'ס באפעל האט מען למען השם איינגעטוישט אויף א עכטע דיימאנד שטיין און ס'איז אראפ א שטיין פון הארץ (....פון הארץ פון די דזשולערי סטאר..... און די שטיין האט געדרוקט אויפ'ן הארץ פון דעם מחותן.......)

אקעי, אבער דאך, איך מוז זיין נארמאל.......

ס'איז געווען אמאל א מענטש, יאנקעלע, וואס האט נעבעך געמוזט זיין אין א אנשטאלט פאר גייסטיש קראנקע, נאך צען יאר אינעם אנשטאלט האט זיין פסיכיאטאר אפגעמאכט אז ער קען שוין ארויסגיין. ער האט נאך א לאנגע וועג ביז א גאנצע רפואה, אבער ער מוז שוין נישט זיין איינגעשפארט.



ווען יאנקעלע האט געהערט אז מ'גייט אים ארויסלאזן, האט ער געווארפן א טענטראם. איך גיי נישט ארויס! ווייל מ'וועט מיר נישט גלייבן אז איך בין נארמאל! מ'וועט נאך מיינען אז איך האב זיך ארויסגעבראכן פון דא באישון לילה......

זאגט דער פסיכיאטאר איך האב א לעזונג! איך געב דיר א צעטל אז דו ביסט נארמאל!

יאנקעלע'ס אויגן האבן געפינקלט פון פרייד! כ'האב געוואוסט אז איך גיי אנקומען צו דעם גלארררייכן מאמענט! ס'האט זיך געלוינט צו ווארטן מיט געדולד די אלע יארן! יעצט גייט יעדער, פיינעלי, מוזן מודה זיין אז איך בין יא נארמאל!

מיט'ן "סערטיפיקאט אוו די אקעדעמי אוו נארמאל פיפל" שפאנט ער ארויס מיט טאנצעדיגע טריט, ווי נאר ער זעט דעם ערשטן מענטש אויפן גאס, כאפט ער אים אן ביים קארג און ווארפט אים אזוי אומווילנדיג רעכטס און לינקס, פשוט פון עקסייטמענט, ער פרעגט אים, ר' איד, איר זענט נארמאל? דער איד כאפט נישט וואס גייט פאר.....

יא? צו ניין? ענטפפערררר! ברימט יאנקעלע מיט א שמייכלדיגע סייקיק גרימצארן......

און אויב יא, האט איר פרוף?

ווייל איך באזיץ א "סערטיפיקאט אוו נארמאלקייט"!

קיינער קען נישט זאגן אז איך בין נישט נארמאל! ווייל איך האב באקומען א "נארמאל-צעטל" נאכ'ן פארברענגען צען יאר אין פיכיאטארישן אנשטאלט, קוק מיין צעטל! כ'האב עס דא!



מומע זיפצי איז יא נארמאל!! הער אויף! לאך נישט! זי איז עכט עכט נארמאל! זי האט פרוף! זי האט מאסקינאו שיך! א ווערסאטשי פאקעט בוק! א עכטע דיימאנד פון עכטע חובות! ווען זי מאכט חתונה איז דא עכטע בלומען וואס גייען עכט אין גארביטש! איר מאן האט א נארמאלע הויכע שטריימל פון א נארמאלע קרעדיט קארד מיט נארמאלע הויכע צינזן!

(צינזן איז טייטש ווען די זיסע חלום פון זירא עי. פי. אר. גייט אוועק)

וואס איז געווארן מיט די שאלה צו אנדערע (אויסער ברסלב) וועלן אויך מאכן חתונות אומזיסט?

דאס איז די קליינע פראגע.

די גרויסע פראגע איז צו איך לעב פאר מענטשן? אדער פאר'ן הייליגן באשעפער?

א מענטש וואס פאלגט דעם רבי'ן און רעדט צום אייבערשטן, בעט יעדן טאג דעם אייבערשטן, באשעפער העלף איך זאל טון וואס איז ריכטיג אין דיינע אויגן, ווערט צוביסלעך מער און מער נארמאל, יעצט רעד איך "נארמאל" פון די תורה, נישט די נארמאל פון מענטשן.

נארמאל פון די תורה הייסט, אז קיינער קומט מיר גארנישט, איך רעד שיין צו יעדן, איך בין נישט גרעסער פון קיינעם, קיינער איז נישט גרעסער פון מיר, די גאנצע בריאה איז א אויסלייג פון די חכמה פון דעם גרויסן באשעפער, א "שאו ענד טעלל" פון אלוקותו יתברך, א דיספלעי פון די רחמנות פון דעם אייבערשטן אויף קליין און גרויס, ורחמיו על כל מעשיו.

אויב איינער האט מיך בא'עול'ט ווייס איך אז דער אייבערשטער איז אויך א פארט פון די פיקטשער, איך בעט דעם אייבערשטן, באשעפער העלף מיין שכן זאל נישט לאזן די גארביטש אין האל, איך מוז נישט מיטהאלטן צו די זאפט וואס רינט ארויס איז פון א פליישיגע פאפריקאש אדער פון א מילעכיגע ראנטוטא אדער פון די פארעווע סעלערי זאפט וואס דער ביליגסטער דייעט קאנסאלטענט האט פארגעשריבן פאר בלויז פערציק טאלער א פלעשל.

א מענטש וואס לעבט נישט מיט א צדיק האט א גרויסן פראבלעם. א מענשט וואס ער איז די קלוגסטע און ער האט נישט א ערליכער איד וואס זאל אים קענען שטעלן אין פלאץ, דאס איז גאר ביטער.

סאו יעדער מוז איבערלאזן זיין חסידות און גיין קיין ברסלב?

ניין! לאז נישט איבער דיין חסידות! קענסט פלעין זאגן משניות, זאגן משניות געבעט שכל. זאגן משניות איז "די נארמאל פון די אייבערשטער", אזוי זאגט מוהרא"ש, אזוי זאגט דער רבי.

ווער זאגט אז דו מוזט עפעס טוישן כדי צו פארבעסערן דיין שלום בית? דארפסט פלעין אפמאכן אז דער אייבערשטער האט דיר געגעבן די בעסטע ווייב. יעדער איז גוט. מיין ווייב איז גוט. איך בין גוט. מיין טאטע מאמע זענען גוט. מיין שווער און שוויגער זענען גוט. די וועלט איז גוט. דער אייבערשטער איז גוט. מיינע קינדער זענען גוט. ברסלב איז גוט. מיין עכטע חסידות איז גוט. מיין דזשאב איז גוט. מיין בית המדרש איז גוט. (זאג עס מיט'ן מויל! דאס איז די עכטע טערעפי, תורה טערעפי, סע'ארבעט, ס'קאסט נישט קיין געלט, פרוביר עס איינמאל.......)

ווער זאגט אז דו דארפסט טוישן עפעס כדי צו רעדן צום אייבערשטן? דזשאסט דא איט...... באשעפער העלף איך זאל רעדן צו דיר, באשעפער פארוואס גייט מיך אן וואס מענטשן טראכטן אויף מיר, באשעפער העלף איך זאל האבן א פרייע באפרייטע געזונטע נארמאלע מח, נישט נעמען פרעשער פון קיין שום מענטש אין דער וועלט.

# בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת חיי שרה, י"ט מרחשון, שנת תשפ"ב לפרט קטן

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

היות עס איז נישטא קיין סאך דירות אין שטעטל און אסאך משפחות ווילן קומען וואוינען אין שטעטל - דארפן מיר זייער אכטונג געבן אז די פרייז זאל נישט ארויף גיין, ווייל אז עס איז דא מער מענטשן וויפיל דירות עס איז דא, און יעדער וויל האבן די דירה, מען איז גרייט צו געבן מער געלט אבי צו האבן די דירה - גייט ארויף די פרייז.

דעריבער האט די הנהלה געמאכט א וועד אז ווער עס וויל קומען אין שטעטל; סיי קויפן, סיי דינגען - מעלדט זיך צו די וועד, אזוי געבט מען אכטונג אז די פרייזן זאלן נישט ארויף גיין.

ווען דער שטעטל האט זיך געעפנט האב איך געזאגט פאר די אינגעלייט: אויב מען וועט זיך ליב האבן אין שטעטל, מען וועט נאר זען דאס גוטס ביים צווייטן, מען וועט זיך אריינמישן אין יענעמ'ס לעבן צו העלפן יענעם מיט קאכן, באקן, נעמען יענעמ'ס קינדער וכדומה - וועלן אלע שכנים פארקויפן זייערע הייזער פאר ביליג.

די וועד האט געשטעלט האברך מרדכי אהרן היילפרין פאר ווער עס וויל קויפן א הויז, פארבינדט אייך מיט אים.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**ווער עס קויפט אן די הנהלה – צוברעכט אונזער קהילה !**

# היסטאריע ווינקל

## טרעף צען חילוקים ... געטראפן!

איך האב שוין אסאך מאל געוואלט שרייבן, אבער אבער... ווייל איך האב אזוי סאך צו שרייבן, שרייב איך גארנישט. שכח אייבערשטער מיין צייט, מח, כח, גייט אויף אנדערע גוטע זאכן, קינדער אין חדר, אהערצושטעלן די אינגל קעמפ פארן הייליגן רבי'ן, מסדר זיין פאר אנשי שלומינו אש"ל אין אומאן, מעדיקל סיטשועישנ'ס, וכו' וכו'...

נאר וואס דען?... (ביטע לאז מיך זיך פארענטפערן, ווי נישט ווי איז עס מיין ערשטע מאל איך שרייב אין א "צייטונג"... אז צום פינטל קומט נישט אהער וועל איך גיין צום פינטל... I WILL GET TO THE POINT) צוויי וואכן צוריק האב איך געזען ביי די אפטיילונג "טרעף די חילוקים" א בילד, ווי נאר איך האב דאס געזען האב איך אפגעמאכט 'דאס איז עס! ענק האבן געטאטשט א סאפט ספאט, איך שרייב!'

איך האב געזען א בילד פון א פשוט'ע סיין "מחנה תפארת התורה", אבער איך בין זייער קאנעקטעד מיט די סיין, איך האב געהאט די זכי' אויפצוהענגען די סיין איינע פון די יארן וואס איך האב געהאט די זכי' צו זיין מענידזשער אין די ברסלב'ע קעמפס, ווען די סיין וואלט געקענט דערציילן... וואלט ער געזאגט... הער צו:

### זומער שנת תשע"א

עס איז שוין אדורך געגאנגען איבער צוויי וואכן נאך אלע קעמפס, קאנטריס און גרופס האבן שוין געטראפן זייער שאטן, זייער פלאן פאר די זומער, די עקטיוויטיס, וואלי באל קאורט, סירקלס, יו נעים איט... נאר איין קליינע הייפעלע פון ערליכע, שטארקע, הייליגע, געטרייע, ברסלב'ע חסידים וואס דאגה'נען איין דאגה 'ווי קען מען אריינברענגען די ריינע אמונה




אין נאך א אידיש הארץ' - זיי זיצן נאך רויט, און פארשעמט, בראטן זיך נאך אין שטאט, נאך וואס די לעצטע אפציע פון ווילן אויף די זומער איז אראפ פון טיש, ווייל נעבן די קעמפ וואס אונז האבן געוואלט ארויסדינגען איז געווען א ישיבה, און ווען זיי זענען געוואויר געווארן אז די "ברסלב'ע" פלאנען זיך אויפצוהאלטן בשכינות זענען זיי געגאנגען (פארשטייט זיך נאר פאר די טובה פון די בחורים, אויך אביסל פאר די טובה פון די וועקערס, לייגערס, נאכלויפערס, ועוד... ווייל אויב וועט א בחור זיך חס ושלום ארויסכאפן צו א שיעור פון דער ראש ישיבה דארף ער שוין נישט איינער זאל אים טרייבן צו לערנען און דאווענען, ער האט שוין געהערט ביים שיעור אז וואס איך טוה טוה איך פארן אייבערשטן, קען - אדער בעסער געזאגט - דארף איך זיך שוין נישט באהאלטן, ווייל דער משגיח מן החלונות איז איבעראל, איז וואספארא אמט וועט מען געבן פאר די איבערגעגעבענע סטעף?...) שנעל ברענגען א דיפאזיט, כדי זיי זאלן באקומען די קעמפ, נישט די "ברסלב'ע"...

איז דער ראש ישיבה אריבער צו מוהרא"ש (אדער אפשר אויפן פאון) און דער ראש ישיבה האט דערציילט פאר מוהרא"ש די גאנצע מעשה, האט מוהרא"ש געזאגט: "עטס וועטס האבן א קעמפ, גייטס שוין באשטעלן א שיינע גרויסע סיין!" נאך פאר מ'ווייסט וואו די קעמפ געפינט זיך אויף די מאפע, קודם פאלגט מען מוהרא"ש, מ'באשטעלט א סיין!

די באשטעלונג פונעם סיין איז צוגעגאנגען

מער וויניגער אזוי:

**העלא? איז דאס ר' יודא לייב פון די סיינס?**

יא, מיט וועם רעד איך? (ווען איך הער ר' יודא לייב רעדן פלאץ איך אוועק פאר קנאה, ר' יודא לייב קען יעדע שורה פון גמרא, רש"י און תוספות בעל פה, 'די גמרא זאגט טאקע אין מסכת סנהדרין דף לד עמוד ב די אכטע אדער די ניינטע שורה, אגב איז דא דארט אין די דריטע תוספות זייער א שיינע פשט אויף וואס מיר זאגן ביים דאווענען...' איין טאג, איין טאג מיטן רבינ'ס דרך הלימוד... איך שרייב עס נישט פון יאוש...)

**דא רעדט מען פון היכל הקודש, מיר ווילן באשטעלן א סיין פאר אונזער קעמפ.**

אה, זייער פיין, איך האב געהערט אז ענק האבן זיך געמוטשעט מיט א קעמפ, איך פריי זיך צו הערן אז איר האט שוין געטראפן. עטס האטס געקויפט? געדינגען? וואו איז עס?

**עה.. עם... אהה.... מען ווייסט נאך נישט פונקטליך, אבער מיר דארפן שוין א סיין.**

בסדר, מיר וועלן אויסשטעלן די גרעפיקס, וועלכע ווערטער זאלן מיר שרייבן, און וועלכע אדרעס?

**עעם... עעעם... שרייב נישט קיין אדרעס, ווייל מיר ווייסן נאכנישט וואו מיר גייען זיין קומענדיגע יאר... שרייב נישט קיין אדרעס.**

וואו די פלאץ איז מעג איך יא וויסן?

**מיר ווילן עס האלטן שטיל, עס זאל נישט געשען נאכאמאל וואס עס איז געשען מיט די פריערדיגע קעמפ...**

אהא... איך פארשטיי... אקעי, די סיין וועט זיין גרייט מארגן אינדערפרי, ס'וועט זיין $400, כל טוב.



רבותי! עס איז נאך נישט דא קיין זכר פון קיין קעמפ, אבער עפעס מער זיכער, מער קלארער איז יא דא, א שטארקע אמונת חכמים! פעלזן פעסט! אמונה זאגט דער הייליגער רבי איז א כח המושך וכח הגודל, אז מען האט אמונת חכמים איז שוין זעלבסט פארשטענדליך אז דער דריטער ערליכער זומער פון מחנה היכל הקודש אין די בערג איז אנגעקומען מיט גאנצן שטארקייט.

## דריטע ערליכער זומער אין היכל הקודש קומט אן

איך רוף אן ר' אברהם משה:

איך הער ס'איז דא א קעמפ? ווען קען איך קומען?" נאך אפאר טעג נישט/יא אויפהייבן זאגט ער מיר: "דער ראש ישיבה האט געזאגט מען קען נאכנישט קומען".

איך ווארט נאך אפאר טעג ביז די געבענטשטע טאג איז אנגעקומען, נאכן זיך בעטן ביי אים אפאר מאל זאגט ער מיר אויפן טעלעפאון: "אבער חוץ פון א קעמפ איז דא נאך זאכן"... פרעג איך אים "וואס הייסט?..." זאגט ער מיר: "עס איז דא גראז פון א קנאפע פיר פיס! מען באקומט א פארציע פון קרוב צו הונדערט פליגן פאר יעדע אטעם אויב די הענט איז נישט אויף די מויל, מיט די הענט נאר צען פליגן, בלי גוזמא... (מען האלט נאך פאר קאראנע, עס איז נאכנישט געווען קיין מאסקעס אויף אונזער פלאנעט...) לעקטער איז זיכער נישטא, ממילא פאמפן נישט די קוועלער קיין וואסער, וועגן אן אפלויף סיסטעם ווייסט מען נאך גארנישט, (די פלאץ איז געווען פארמאכט א שיינע פאר יאר פאר מיר האבן עס אפגעדינגען)"... און איך פרעג אים: "וואלסט מסכים געווען צו נוצן מיין הילף?" "איך וועל רעדן צו דער ראש ישיבה און דיך נאכדעם לאזן וויסן".

אויב וואלט איך געווארט ער זאל מיך צוריק רופן וואלטן ענק נאך יעצט געווארט פאר אן ארטיקל...

נאך אפאר שעה רוף איך אים צוריק, און ער זאגט מיך: "דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אויב דו ווילסט העלפן, און אויך זיין מלמד פאר די קינדער פון די משפחות אין קאנטרי קענסטו קומען". פיין איך קום!

וואו, פרעגט ער מיר?! וואו גייסטו עסן, שלאפן? וואס הייסט פרעג איך אים, דאס איז אויך נישט דא? (איך ווייס נישט וואס איך האב געטראכט, ער האט דאך פריער מיר געזאגט אז עס איז גארנישט דא) נישט קיין חילוק וואס, איך קום. איך בין שוין אויפן וועג.

איך האב געמאכט א געשעפט מיט די



קאנטרי מענעדזשער ווי מיינע עלטערן זענען געווען יענעם זומער, אז איך העלף אים מיט וואס ער דארף נאר, און ער טראגט מיך אין קעמפ ווען איך דארף גיין. איך פאק פעק און זעק, איך זעץ זיך אריין און ויסעו!

וואו פארט מען? ספרינג לעין, אביסל ווייט פון קערהאנקסען, נישט צו נאנט צו וואודרידש. ס'איז צווישן די צוויי ווארטסבארע בערג. נאו ווערי! ס'איז 50 מינוט פון ווייט לעיק. קוק אהער דיל איז דיל. בלית ברירה האט ער מיך גענומען. איך מיין אז די איינציגסטע זאך וואס האט אים געטריבן צו מיך נעמען, איז געווען זיין נייגער צו זען פונדערנאנט די ברסלב'ע הלוך ילך.

ווי נאר איך בין אנגעקומען האב איך געלייגט מיינע פעקלעך אויפן פארטש פונעם דארמעטארי. איך האב גלייך געזען אז דער מנהל האט מגזם געווען אין 2 זאכן. 1) די מצב איז נישט געווען ווי ער האט עס אראפגעלייגט - נאר ארגער. 2) די פארלוירנקייט וואס איך האב געשפירט ביים רעדן צו אים איז נישט געווען צו געפונען, פנים'ער מיט א שמייכל שטעקן זיך ארויס צווישן די גראז און פליגן... אזא רואיגע אטמאספערע קיינער איז גארנישט שולדיג פאר קיינעם, קיינער איז נישט ברוגז אויפן צווייטן. אלע זענען דא מיט איין כוונה, הערסט (לייננסט) עס האט זיך געשפירט ווי אויף די לבנה!

איך טויש מיר איבער די קליידער, קאטשע ארויף די ארבל, מען הייבט אן טוישן ברעקערס, אויפגראבן סעפטיקס... די כוחות לאזן זיך אויס, די מאגן מאנט זייניגע. למעשה האבן מיר ארויס געשנארט אפאר רעפטלעך ברויט מיט צולאזטע פוטער (לעקטער איז נאכנישט געווען) פון משפחת בוים. איך האב מיך געשעמט צו גיין צו משפחת לעזער, ווייל מנחם שטיינבערג איז שוין געקומען פון דארט, פארשטייסט?!

פלייש מיט רייז האבן שפעטער אנדערע צושטייער געגעבן, עס האט געהאט אלע טעמים, איך שטיי נעבן א ראש ישיבה וואס זאגט מיר "דער אייבערשטער האט הנאה פון מיר, ער האט מיך ליב". א"יי ע"ם ג"אאד ט"א ג"א, איך האב שוין "אלעס" וואס איך ברויך צום לעבן.

איין מאל די משפחות האבן זיך מער מסדר געווען, האט מען אנגעהויבן אויפשטעלן די בעטן פאר די בחורים. דער ראש ישיבה האט מיר דעמאלט געלערנט וויאזוי צו זיין א מענדעזשער, מען דארף האבן א קליינע ביכעלע, א קליינע פען, מיט א "גרויסע" סעלף קאנפידענס. מיט אזא ריקןביין, אזא ראש ישיבה - איז עס נישט צו שווער. און די זומער האט זיך אנגעהויבן...

**א זומער** וואס דער ראש ישיבה האט געלאדענט מוהרא"ש צו א חמשה עשר באב סעודה. מוהרא"ש האט געברענגט דעמאלט פאר די בחורים די וואונדערליכע סגולה פון לערנען 40 מאל מסכת תענית צו א חתן ווערן. אגב, איך בין געווען די צווייטע חתן, מען האט געבראכן טעלער בשעה טובה ומצלחת איין טאג נאכן צוריק קומען פון הייליגן רבינ'ס ראש השנה.

די ערשטע חתן איז געווען הסופר מו"ה בערל לעווי הי"ו גבאי היכל הקודש בלומינגראוו, פון זיין ווארט איז ער געפארן צום עירפארט קיין אומאן.

**א זומער** וואס מען האט געבראטן דעם ראש ישיבה מבית ומבחוץ, מען האט אסאך גערעדט אויף די ישיבה פון אלע זייטן, אויך איז מען געלאפן צו מוהרא"ש בארעדן די ישיבה. אבער דער ראש ישיבה איז ברוך השם ווייטער אנגעגאנגען מיטן גאנצן שטארקייט. און דאס אז מוהרא"ש איז געקומען באזוכן און געגעבן אזא הערליכע שיעור, איז געווען גאר שטארקע חיזוק.



**א זומער** ווי אונזער געטרייער חבר מו"ה שבתי מזרחי הי"ו האט זיך אינגאנצען אוועק געגעבן, קודם מיטן בויען א פראוועזארישע טענט, וואס נאך א שטארקע רעגן איז די טענט צופאלן. איז מען דעמאלט אויפגעקומען מיט דעם געדאנק צו בויען אין אפאר טעג א פרישן בנין פארן בית המדרש, אבער וואס טוט מען מיט די שטאט? האט ער דאן קודם אויפגעבויעט א סטעידש. די אלטע שרעקעדיגע ווארט [היינט שוין נישט] די אינספעקטערס זענען דא קומט טאקע דא אריין.



ווי נאר שבתי האט זיי אויפגעוויזן עס איז נאר א סטעידש זענען זיי אוועק געגאנגען.

צוויי שעה זענען אנגעקומען טראקס מיט האלץ, טראסעס, שיטראק, עירקאנדישן, טוילעטס און אזוי ווייטער. ביז דריי טעג איז אראפגעקומען א בית המדרש של מעלה.




די פנים פונעם אינספעקטער ווען ער האט געזען וואס האט פאסירט מיט אונזער סטעידזש קען איך דיר נישט אראפלייגן, ער איז געווארן רויט, זיין פנים האט געפלאמט. ונשוב חמת האינספעקטער, מיט גרויס אויפגערעגקייט האט ער דערקלערט אז דאס מוז ווערן צונימען ביז 40 טעג. וכך הוה! בחסדי השם איז דאס אויסגעקומען שוין נאך קעמפ.













STOP ORD
THE WORK BEING DONE ON THIS PROPERT
BEEN AUTHORIZED PURSUANT TO TOWN OF W
ORDINANCE FOR ENFORCING THE NEW Y
BUILDING CODE.
THE OWNER(S), THEIR AGENTS AND/OR CO
ARE HEREBY GIVEN NOTICE THAT ALL WORK
UNTIL PROPER BUILDING PERMITS HAVE BEEN
BY ORDER OF THE CODE ENFORCEMEN
TOWN OF WAWARSING
TEL: (


$3.99


**א זומער** ווי פארטומעלטערהייט איז מען ארויסגעלאפן/געשווימען פון קעמפ, נאך וואס די שיינע רואיגע טייך הארט נעבן קעמפ האט זיך געהויבן צו א מאנסטערישע סמבטיון, און אונז געסטראשעט איינצושלינגען און פארשווימען די גאנצע קעמפ.

(איך שרייב "פארטומעלטערהייט", ווייל דער ראש ישיבה האט מיר נאכדעם געזאגט "וואו ביזטו געלאפן? ווען די שטאטישע באאמטע מאכן א מצב מוז מען עפעס נאכגיין בחומר הדין? דו וואלסט פונקט אזוי געוואן פארזיכערט ווען דו בלייבסט דא מיט מיר, און נאך מיט אסאך א קלענערע בהלה. גדענק פאר קומענדיגע מאל").

די קולות פון די שטיינער און ביימער קלינגט מיר נאך גוט אין די אויערן. דער ראש ישיבה האט יענעם זונטאג צופרי אויפגעוועקט "בחורים די קעמפ ווערט פארשוועמט, קומט ארויס פון בעט!" מיר האבן געטראכט, נאך א שיינע שפיל וויאזוי דער ראש ישיבה וועקט אונז.

מען איז געגאנגען שלאפן מוצאי שבת בויבעריק אזייגער, אבער מען דארף אויך ענדיגן מסכת תענית זונטאג מיט א פרישקייט, אז נישט וועסטו נישט באקומען א מאגנים אייסעס פון מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו...

דו ווילסט דיין באקס אויפן גרויסן טאוועל וואס הענגט אויף צפון וואנט זאל בלייבן ליידיג?

קום נישט נאכדעם מיט א טענה וואו איז מיין שידוך...

יואל לעווי האט מודיע געווען פארן עולם, יאפ! עס איז גארנישט קיין שפיל, ס'איז צרות! איך האב געוואלט אליין דאס גיין אויסטשעקן, נאר וויבאלד די וואסער איז אנגעקומען כמעט ביז צו די קניען, האב איך אנשטאט די הויזן און זאקן, אנגעטון א לאנגע רעגל מאנטל מיט קראקס.

זעענדיג אז עס איז דא גרויסע שאנסן פון מאכן א ויברח, בין איך געלאפן צום אויבן דערמאנטן בית המדרש צו נעמען מיין תפילין. אזוי פאר וואס, ווען, ווי, טרעף איך מיך אויף די פיק אפ פון א טראק (מן הסתם וועגן דעם הייסט עס אזוי).

טאטי - שיק - מיר - הויזן.... בעט שיין. חכם ווער האט דיר געבעטן. כך המעשה.

פרעג מיר נישט וואו און וויאזוי מען האט



געענדיגט יענעם טאג מסכת תענית. אבער אויב איך געדענק גוט איז קיין איינער נישט ארויסגעפאלן.

מוהרא"ש האט זיך נאכדעם אויסגעדריקט: "דער סמ"ך מ"ם האט געזען ער קען נישט אפשטעלן דאס לערנען מסכת תענית, האט ער זיך פארשטעלט ווי א טייך, אזוי ווי ביי עקידת יצחק".

א זומער ווי דער ראש ישיבה האט געוועקט ערב ראש חודש אלול מיט אזא התעוררות און געוויין. איך דערמאן זיך פון יענעם אינדערפרי, עס רייסט מיר דאס הארץ. דער ראש ישיבה זינגט: "מען גייט דן זיין מי יחי' ומי ימות, מי בלייבן א בחור ומי חתונה האבן..."

ווי האט אייזיק ווייס געהאט די קאפ אויפן פלאץ צו אנצינדען זיין רעקארדער און זיך מאכן ווי ער שלאפט, כדי דער ראש ישיבה זאל פארלענגערן די וועקן, און אזוי קענען הערן נאך פונעם ראש ישיבה...

דער ראש ישיבה האט נאכדעם געזאגט אז די בכיות וואס איך האב געהאט ביי התבודדות פארן ענק וועקן, און בשעת'ן גיין פון איין באנק צום צווייטן, איז געווען פי כמה.

וואס זאל איך ענק זאגן, יענעם ערב ראש חודש אלול בכיות פונעם ראש ישיבה קלינגט מיר נאך גוט אין מיין קאפ, עס ברענגט מיר נאך ביז היינט א התעוררות לתשובה.

די מעלה פון היסטאריע איז היכל הקודש איז, עס איז 100% חיזוק, ווייל מה נפשך, ביזטו א חלק פון די היסטאריע, האסטו מער חיזוק צו רעדן שיין אינדערהיים, צו לערנען אסאך משניות און גמרא, מקוה, מנין... עס איז דיר מער מחייב, זע זיך טאקע צו דערהאלטן אין די "היסטארישע" קהילה.

ביזטו היינט א פרישע מקורב האסט גארנישט צו פארצייללן, שעם איך זיך פון דיר! טו מיר א טובה, איין שרעקעדיגע ווארט זאג מיר נישט "וואס, ער? ער איז שוין לאנג דא, ער איז שוין אן אלטער חסיד"...

**באשעפער באנײ מיר מיין הארץ, איך וויל זיך צו דיר צוריק קערן, איך וויל שוין א צדיק ווערן.**

**יחזקאל מלמד**

# IN AN ACCIDENT?

## CALL THE EXPERT



mint COLLISION

Accidents can happen,
Our professional & caring staff will handle the entire process.

- 24-Hour Towing
- Full Car Repair
- Rental Replacement
- Trusted by all major insurance companies



For Upstate Customers;
We pickup & deliver all year round.

אייער פריינט ארי׳ לייב פעקעטע

347-742-7778

mintcollision@gmail.com



# מעשיות פון תפילה

## ברוך נוסבוים - בני ברק:

איך האב א מעשה פון תפילה, איך וויל דאס מיטטיילן מיטן ציבור אין א בחינה פון בתוך רבים אהללנו.

עס איז געווען ערב ראש חודש סיון מוקדם אינדערפרי, איך האב זייער געוואלט זוכה זיין צו זיין אין דעם געהויבענעם טאג ביים ציון פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו אין יבניאל.

היות איך האב נישט קיין קאר, און פארן מיט א באס איז זייער נישט באקוועם, האב איך געטון די איינציגסטע עצה וואס איך קען טון - וואס דאס איז בעטן דעם אייבערשטן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיך שיקן א גוטע וועג צו פארן קיין יבניאל, מיט א רואיגקייט און ישוב הדעת.

נאמיטאג רופט מיך א חבר און פרעגט מיר אויב איך וויל קומען קיין יבניאל, היות ס'איז דא א א צווייטע חבר וואס איז גרייט ארויס צונעמען א קאר און פארן אהין, איך האב מיך זייער געפריידט דאס צו הערן, איך האב אים געזאגט אז איך דארף פרעגן מיין ווייב תחי' אויב איך קען פארן.

למעשה אדהכי והכי, ביז איך האב שוין גערעדט מיט איר, האט ער מיך גערופן, און איך בין פונקט געווען פארנומען, האב איך נישט אויפגעהויבן. שפעטער האט ער מיר געזאגט אז היות איך האב נישט אויפגעהויבן האט ער נישט געוויסט וואס צו טון, האט ער שוין געגעבן דעם פלאץ פאר א אנדערן חבר.

איך בין נישט געווארן אויס מענטש, איך האב געוויסט אז נאר דער אייבערשטער פירט דער וועלט, האב איך געבעטען דעם אייבערשטן זאל ער מיר שיקן אן אנדערן שליח צו טראגן למחוז חפצי. צו מיין גרויס התפעלות גייט נישט אריבער קיין פאר מינוט, און עס רופט מיך אן אנדערע חבר, (איך ווייס נישט פארוואס ער האט פונקט מיך גערופן) אויב איך דארף א וועג קיין יבניאל, היות ס'איז א גרויסע טאג, ס'איז דא נאך א חבר וואס גייט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף פארן קיין יבניאל, און ער האט א פלאץ פאר מיר.

איך האב זייער שטארק געדאנקט דעם אייבערשטן. עס האט געהייסן אז ער פארט ארויס נאנט צום שקיעה, און איך האב נאך געהאלטן פאר מנחה, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל נאך אניאגן צו דאווענען מנחה בציבור, למעשה האט זיך יענער אויפגעהאלטן, אזוי האב איך נאך רואיגערהייט געקענט דאווענען מנחה.

מען האט זוכה געווען אנצוקומען בשלום קיין יבניאל, און זיך גוט מתבודד זיין, אזוי ווי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט געשריבן אז ווער ס'וועט קומען צו זיין ציון וועט האבן א גרויסע התעוררות, וואס מען שפירט דאס בחוש יעדעס מאל פונדאסניי.

ווען מען איז ארויסגעפארן פון יבניאל איז שוין געווען שפעט, אבער איך האב א גאנצע צייט געהאט זייער גרויס חשק צו קענען נאך אריין כאפן זאגן תפילת השל"ה ביי זיין הייליגן ציון אין טברי', אבער איך האב נישט געוואלט מוטשען דעם דרייווער, ווייל ס'איז שוין געווען שפעט, האב איך געבעטן שטילערהייט דעם אייבערשטן אז איך וויל פארן קיין טברי' צום ציון השל"ה. למעשה האבן אונז נאך געדארפט דאווענען מעריב, האט דער דרייווער געזאגט אז ער וויל צופארן קיין טברי', ווייל דארטן וועט זיכער זיין מנינים...

מען איז אריבער געפארן קיין טברי' צום ציון פונעם שלה"ק עס איז געווען דארטן זייער א גרויסע עולם, אזוי אז מען האט געקענט דארט מאכן א פיינעם מנין מעריב בהרחבה גדולה. מער האבן זוכה געווען צו זאגן תפילת השל"ה ביי זיין הייליגן ציון, און אזוי אויך דאווענען ביי די הייליגע תנאים און ביים הייליגן רמב"ם. ברוך השם מיר זענען צוריק קיין בני ברק אנגעפילט מיט ברכות וישועות וכל טוב

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ט' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, מִיט גְרוֹיסֶע נִסִים הַאלְטְן מִיר אִינְמִיטְן מְסַדֵּר זַיין אַ פְּלַאץ פַאר דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן קֶענֶען זַיין **זוּמֶער צְוִוישְׁן דִי בֶּערְג אִין אַ רֵיינֶע פְּלַאץ.**

דָאס יָאר וֶועט זַיין דִי צְוֶועלֶפְטֶע זוּמֶער וָואס מִיר הָאבְּן דִי יְשִׁיבָה צְוִוישְׁן דִי בֶּערְג, עֶס וַוייזְט זִיךְ אוֹיס אַז **זַיין אִין קֶעמְפּ מִיט דִי בָּחוּרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ - אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ**, וַוייל עֶס קוּמְט מִיר אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן יֶעדְן זוּמֶער אַ פְּלַאץ פַאר דִי בָּחוּרִים, קִינְדֶער, אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ וְכוּ', דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי שְׁוֶוער עֶס קוּמְט מִיר אָן יֶעדֶע זוּמֶער.

אִיךְ בִּין שׁוֹין אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ וֶועל זַיין דָארְט פַאר'ן זוּמֶער; עֶס וֶועט זַיין יֶעדְן טָאג שִׁיעוּרִים סֵיי אִין גְמָרָא אוּן סֵיי אִין הִתְחַזְּקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): **"אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי, שֶׁלֹּא לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת"**, דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן.

כַאפּ אַרוֹיס אִינְמִיטְן דַיין טָאג, אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט - אַבִּיסְל תּוֹרָה, אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת; וָואס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט? נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה, תְּפִלָּה וּגְמִילוּת חֲסָדִים; נָאר דָאס וֶועט אוּנְז בַּאגְלֵייטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ו, ט): **"אֵין מְלַוִּין לוֹ לָאָדָם לֹא כֶסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד"**.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ שׁוֹין נָאךְ דִיר; אִיךְ בִּין עֶרְשְׁט יֶעצְט אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן שְׁטָאט אוּן שׁוֹין בֶּענְק אִיךְ זִיךְ נָאךְ דִיר. אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אַרוֹיס כַאפְּן מְזַמֵּן לִזְמַן אִינֶעם שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט דִי עֵצוֹת אוּן חִזוּק פוּן רֶבִּי'ן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה
## פון דער ראש ישיבה שליט"א



# זמירות שבת קודש
## חלק ב'

**אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִינְגֶען זְמִירוֹת הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט:** חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת קיט:): "שני מלאכי השרת מלוין לו לאדם בערב שבת מבית הכנסת לביתו", צוויי מלאכים באגלייטן דעם איד פון שול אהיים פרייטאג צו נאכטס, "אחד טוב ואחד רע", א גוטער מלאך און א שלעכטער מלאך, ווען מען קומט אהיים און אלעס איז גוט, די שטוב איז צאמגענומען, עס איז דא א שיינע געדעקטע טיש מיט שבת ליכט, און די בעטן זענען שיין געמאכט - וואונטשט דער גוטער מלאך א ברכה: "יהי רצון שתהא לשבת אחרת כך", עס זאל זיין די ווילן פונעם אייבערשטן אז דעם קומענדיגן שבת זאל אויך זיין אזוי שיין, און דער שלעכטער מלאך האט נישט קיין אנדערע ברירה, ער מוז צושטימען און אויך וואונטשן. און אויב חס ושלום די שטוב איז נישט אזוי ווי עס דארף צו זיין וואונטשט דער שלעכטער מלאך אז די קומענדיגע וואך זאל אויך אזוי זיין, און דער גוטער מלאך דארף בעל כרחו זאגן אמן; ממילא פאסט אז ווען די מלאכים קומען אהיים זאל מען זיי באגריסן מיט שלום עליכם.

אזוי אויך די תפילה פון **"רבון כל העולמים"**; דאס איז דאך א מורא'דיגע תפילה, דאס וועקט אויף דאס הארץ צום אייבערשטן. דער הייליגער רבי נתן פלעגט גיסן טייכן טרערן ביי די תפילה, אזוי אויך אנשי שלומינו זאגן די תפילה מיט א שטארקע בענקשאפט צום אייבערשטן. מען קען שפירן דעמאלט זייער א גוטע טעם, ווייל די שטוב איז פול מיט מלאכים. אויסער די צוויי מלאכים - קומען מיט טויזנטער מלאכים וואס ווערן באשאפן דורכאויס די וואך פון אלע מצוות וואס א איד טוט.

וואויל איז דעם וואס מאכט שיינע סעודות; ער זינגט זמירות און דערציילט מעשיות פון צדיקים - וועט ער זוכה זיין צו אמונה, און די קינדער וועלן האבן אמונה.



# א מעשה פון א צדיק

## נִישְׁט רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִידְן

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט אוֹיף עֶטְלִיכֶע טֶעג אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיים רֹאשׁ הַקָּהָל; דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען אִינֶעם שְׁטָאטִישְׁן שׁוּל, נָאר עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ מִנְיָן בַּיים שְׁטוּב פוּנֶעם רֹאשׁ הַקָּהָל - דָארְט וואוּ עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען, אָבֶער דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל אִיז יָא גֶעגַאנְגֶען אִינֶעם שְׁטָאטִישְׁן שׁוּל דַאוֶוענֶען.

אוֹיף שַׁבָּת אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען אִין יֶענֶעם שְׁטֶעטְל אַ מַגִּיד, וָואס זַיין פַּרְנָסָה אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז אַרוּמְגֶעפָארְן אִין שְׁטֶעטְלֶעךְ הַאלְטְן דְרָשׁוֹת, אוּן דֶער עוֹלָם הָאט אִים גֶעגֶעבְּן גֶעלְט פַאר דֶעם. שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ הַקָּהָל וָואס דֶער בַּעַל דַּרְשָׁן הָאט גֶערֶעדְט, הָאט דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל דֶערְצֵיילְט אַז עֶר שְׁרֶעקְט אָן דֶעם עוֹלָם, עֶר זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַ רוֹיטֶע גֵיהִנוֹם, אוּן אַ גֶעלֶע גֵיהִנוֹם אוּן דֶער עוֹלָם אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט פַארְן רֹאשׁ הַקָּהָל: "אוֹיבּ דֶער בַּעַל דַּרְשָׁן גֵייט נָאכְאַמָאל רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן אַז אִיךְ רוּף אִים, אוּן דוּ זָאלְסְט אִים נִישְׁט לָאזְן עֶנְדִיגְן רֶעדְן".

וְכַּךְ הֲוָה, אִינְמִיטְן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט דֶער מַגִּיד ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אַ שַׁארְפֶע דְּרָשָׁה, גְלַייךְ הָאט דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט אוּן גֶעזָאגְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב רוּפְט אִים, וֶוען דֶער מַגִּיד הָאט גֶעוָואלְט וַוייטֶער רֶעדְן, הָאט אִים דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעהַאקְט אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט וַוייטֶער רֶעדְן, אוּן עֶר מוּז גֵיין צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב. דֶער מַגִּיד הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיטְן רֹאשׁ הַקָּהָל צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב.




וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "**וִוי שֶׁעמְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּ צֶעבְּרֶעכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער**, דוּ וֵוייסְט וָואס גֶעשֶׁעט אִין הִימְל וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט זִיךְ אַ כַאפּ סוֹף טָאג נָאכְן אַרְבֶּעטְן אוּן עֶר זֶעט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֵייגְט קַיין תְּפִילִין, אוּן עֶר גֶעבְּט אַ קְרֶעכְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואסֶערֶע רַעַשׁ דָאס מַאכְט אִין הִימְל?! אָדֶער אַ אִיד גֶעט זִיךְ אַ כַאפּ אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית אָדֶער מִנְחָה, אוּן עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט דַאוֶוענֶען אוּן עֶר גֶעבְּט אַ קְרֶעכְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואסֶערֶע רַעַשׁ דָאס מַאכְט אוֹיבְן אִין הִימְל, גֵייסְטוּ אוּן דוּ צֶעקְלַאפְּסְט אִידְן?!" אוּן אַזוֹי הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶערֶעדְט צוּ דֶעם מַגִּיד, בִּיז עֶר הָאט גֶעמוּזְט צוּזָאגְן פַארְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אַז פוּן הַיינְט אָן וֶועט עֶר מֶער נִישְׁט רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִידְן.

(עצתו אמונה כי תבא לאומאן תשע"ז)

# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס
# לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

- ל״ז -

**פארזעצונג פון פריער:** אִינְצְוִוישְׁן אִיז דֶעם רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען נָאךְ מֶער בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן, אַסַאךְ אִידְן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי מְחַזֵּק גֶעוֶוען צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעפְלַאמְט זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַסַאךְ צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה.

* * *

אִין יָאר תק״נ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס שְׁוִויגֶער, אוּן זַיין שְׁוֶוער רֶבִּי אֶפְרַיִם זַ״ל אִיז גֶעפָארְן מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן קַיין מָאהְלוּב פַאר אַ שִׁידוּךְ. דֶער רֶבִּי הָאט דָארְט אַסַאךְ גֶעאַרְבֶּעט פַאר אַ שִׁידוּךְ פַאר זַיין שְׁוֶוער, אוּן צוּם סוֹף הָאט דֶער רֶבִּי אַלֵיין אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם שִׁידוּךְ פַאר זַיין שְׁוֶוער, אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט חֲתוּנָה גֶעהַאט.

כָאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גֶעוֶוען דֶעמָאלְט זֵייעֶר יוּנְג, קוֹים אַכְצְן יָאר, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן מֶענְטְשְׁן גֶעהַאט רֶעסְפֶּעקְט פַאר אִים, זַייעֶנְדִיג אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע, אוּן אוֹיךְ וַוייל מְ׳הָאט דֶערְקֶענְט אוֹיף אִים אַלֵיין זַיין גְרוֹיסְקֵייט, מְ׳הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט פַארְשְׁטַאנֶען אַז מִיט דִי צַייט וֶועט עֶר וֶוערְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.


ציון שרה בת רבינו זצ״ל אין שטאט קרימינטשיק

וֵוייְלְנְדִיג אִין מָאהְלוּב, אִיז דֶער רֶבִּי דָארְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אַ חָשׁוּבְ׳ן אִיד, אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁה, וָואס אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי מְקוֹרָבִים בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי ר׳ בָּרוּכְ׳ל זי״ע, דֶעם רֶבִּינְ׳ס פֶעטֶער. דֶער אִיד הָאט אוֹיפְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּי׳ן מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה לְכָבוֹד דֶעם רֶבִּי׳ן, אוּן עֶר הָאט צוּזַאמְגֶערוּפְן נָאךְ אִידְן, חֲסִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר׳ בָּרוּכְ׳ל זי״ע.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוענְלִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְמַאכְט, עֶר פְלֶעגְט נִישְׁט זָאגְן קַיין תּוֹרָה בָּרַבִּים, אָבֶער דָארְט בַּיי יֶענֶע סְעוּדָה הָאט מֶען אִים גֶעגֶעבְּן וַויין צוּ טְרִינְקֶען, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעהֵייטֶערְט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תּוֹרָה, גָאר וואוּנְדֶערְלִיכֶע שֵׁיינֶע זַאכְן, אוּן דִי אִידְן בַּיים טִישׁ הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי׳ן.

נָאךְ דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין שְׁוֶוער, אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אַהֵיים קַיין אוֹסְיַאטִין.

אִין יֶענֶע צַייט אִיז גֶעקוּמֶען קַיין מָאהְלוּב דֶער בַּאקַאנְטֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי דוֹב מִזַּאסְלַאב זַ״ל, פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע, [מְ׳פְלֶעגְט אִים רוּפְן ״רֶבִּי בֶּער בֶּן רֶבִּי בּוּנָם״, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיפְצוּגֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אִיז דָארְט נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן]. דִי אָרְטִיגֶע אִידְן הָאבְּן אִים אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר בַּאאֵיינְדְרוּקְט דֶערְפוּן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן וֶועט נָאךְ זַיין אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אִין דֶעם יָאר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיים רֶבִּי׳ן אַ צְוֵוייטֶע טָאכְטֶער, אוּן עֶר הָאט אִיר הָאט נָאמֶען גֶעגֶעבְּן שָׂרָה, נָאךְ זַיין בַּאבֶּע, דִי מַאמֶע פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע.

אִין לוֹיף פוּן דִי גַאנְצֶע צַייט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוואוֹינְט בַּיי זַיין שְׁוֶוער אִין אוֹסְיַאטִין, וֶוען זַיין שְׁוֶוער הָאט אָבֶער חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט דִי צְוֵוייטֶע וַוייבּ, הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פְּרָאבְּלֶעמֶען. דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט הָאבְּן אַ פְּרִיוַואטֶער שְׁטִיבְּל אוֹיפְ׳ן בּוֹידֶעם בַּיי זַיין שְׁוֶוער אִינְדֶערְהֵיים, וואוּ עֶר הָאט גֶעקֶענְט דָארְט רוּאִיג דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען. אֵיינְמָאל אִיז דֶער רֶבִּי אַוֶועק גֶעפָארְן עֶרְגֶעץ וואוּ, אוּן דִי נֵייעֶ שְׁוִויגֶער הָאט גֶעוָואלְט נֶעמֶען דֶעם שְׁטִיבְּל פַאר זִיךְ, הָאט זִי דֶעמָאלְט אַרַיינְגֶעלֵייגְט דָארְטְן אִיר בֶּעט.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אוּן גֶעזֶען אַז מֶען הָאט אִים אַוֶועקְגֶענוּמֶען זַיין הֵיילִיג וִוינְקְל וואוּ עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּקְבִיעוּת פַאר אַזוֹיפִיל יָארְן, הָאט עֶר מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט וואוֹינֶען דָארְט בַּיי זַיין שְׁוֶוער, עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּנֶעם דָארְף אוֹסְיַאטִין, אוּן זִיךְ אַרִיבֶּער גֶעצוֹיגְן צוּם שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, וואוּ עֶר הָאט זִיךְ בַּאזֶעצְט.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״**



פריש.
Onsite Seating
100+ Parking Spots
BREADBERRY
FIALKOFF'S PIZZA
BERRY'S
DELICIOUS FISH
Blooms
261 N Main Street, Liberty, NY | 845.218.1244 | lemonadesupermarket.com


It's Fresh. It's Juicy. It's Here.
lemonade
KOSHER SUPERMARKET
lemonade
KOSHER SUPERMARKET
FISH
BAKERY
PIZZA
BUTCHER
SUSHI
DELI
GRAB & GO
Open late nights & Motzei Shabbos
Open Year Round

# שבת אין טשיינע



ישראל דוד העסקעל

יואלי וייס, יואלי ברוין, און יואלי שווארץ, די דריי יואלי'ס, די דריי סוקסעספולע חברה די כאריזמאטישע קרא, די ריכטיגע ביזנעס חברה מיט אפאר טאָללער אלע אין די פריע דרייסיגער יארן דאס זענען "די חברה"!

פעסטע געלונגענע ביזנעסלייט זענען זיי געווען, געריבענע סוחרים ווי ס'דארף צו זיין, ס'איז מוצאי שבת, זיי פארררייכערן צוזאמען א ציגרעטל און מ'פלאנט די גרויסע נסיעה!

וואו פארט מען? אויף טשיינע! יא, יעצט קומט פאר א ריזיגע ביזנעס שאו אין טשיינע דאס איז נישט עפעס וואס די געריבענע סוחרים קענען ערלויבן צו פארפאסן, זיי מוזן דארט זיין! מ'קוקט נישט אויף גארנישט דאס איז א איינמאל אין לעבן אפפערטאָנעטי... די פלענער פליען מ'גייט מאכן מיליאנען, די ריכטיגע נאמבערס!

יואלי שווארץ רעדט פון היץ אז ער האט א פעטער וואס איז געווען ביי די שאו אפאר יאר צוריק און ער האט דארט אויפגעפיקט אפאר פעסטע קאנעקשאנ'ס און זייט דעמאלט שארט ער גאלד! בלי גוזמא מיליאנען!!! אלע זענען מסכים מ'דארף קיינעם נישט משכנע זיין מיר פארן! מיר פארפאסן דאס נישט מיר זענען דארט!



די גרויסע נסיעה קומט ערשט פאר אין דריי וואכן ארום זיי מאכן אלע נויטיגע צוגרייטונגען, אלע פאספארטן זענען מסודר די טיקעטס זענען באשטעלט פורסט קלעסס פארשטייט זיך פאר אונזערע צוקונפטיגע עשירים, יא יואלי וויס האט מברר וואו ס'איז דא א חב"ד הויז דארט אין געגנט ער האט געקאלט דעם רב און ער האט געזאגט אז מ'קען גערן קומען עסן דארט די סעודות שבת, און ער האט שוין געשטעקט צען מינוט צו גיין איז דא א ריזיגע האטעל!

דער עולם קאָנפירמט, בוק עס אריין, מאך זיכער צו נעמען א גרויסע צימער מיט א סוויט ס'זאל זיין פלאץ פאר יעדעם מ'זאל קענען זיין באקוועם ס'זאל זיין אויך א עונג שבת... יואלי מאכט די בוקינג ער האט שוין די




קאָנפערמעישן מ'זעמיר גרייט צו פארן!

ס'איז געווען אויף א דינסטאג מ'נעמט צוזאמען אן אובער צום עירפארט שוין דורך סעקיורעטי מ'זיצט שוין ביי די געיט און ענדליך באורד מען שוין!

זיי פאקן ארויף אלע פעק און זעק עסן פאר א הונגער יאר אין די קאָמפּאַרטמענט אויבן, זיי מאכן זיך גוט באקוועם. פאר יואלי ברוין איז עס די ערשטע מאל ער פליט אין פורסט קלעסס ער קען זיך נישט געגוג באוואונדערן אויף די לוקסוס פון פורסט קלעסס... יואלי שווארץ לאכט אים גוט אויס דאס איז עיר טשיינע ס'איז שמאטעס קעגן וואס איך האב געהאט מיט עמערעטס ווען איך בין געפלויגן א האלב יאר צוריק קיין דובאיי...

די חברה האבן גענומען א נאכט פלייט די פליגער פליט שוין, זיי ליינען קריאת שמע און מ'לייגט זיך שלאפן.

וועלקאם טאָ טשיינע! געבט דער פילאט א רוף אויס הויך אויפן ספיקער, זיי רייבן זיך די אויגן מודה אני... גוט מארגן שלום עליכם מיר זענען אנגעקומען, מיר זענען שוין דא.

זיי שלעפן זיך אראפ פונעם עראפלאן זיי גייען אריבער דעם גרעניץ אלעס גייט געשמירט שכח אייבערשטער, זיי נעמען די רענצלעך און זיי גייען צום טיר. אינדרויסן שטייט א טעקסי מיט א פענסי קאר מיט א גרויסע טאוול "דריי יואלי'ס" די חברה ווארפן זיך פאר געלעכטער גוווט... זיי זעצן זיך אריין אינעם קאר און דער טראגט זיי אפ אין האטעל.

זיי קומען אן פארנט פון א ריזיגע הונדערט און דרייסיג שטאק בנין זיי ווארפן זיך בליקן פיינע נייעס די טשייניזער טויגן יא אויף עפעס... אינעווייניג אינעם האטעל ענטפאנגט זיי א ריזיגע לאבי ס'איז געווען דארט גוט שמעקעדיג, פון דעם דאך האט אראפגעהאנגען פיר מעכטיגע ריזיגע טשילארס און די קאוטשעס - אוי האט עס אויסגעקוקט הויך קלאסיש.

זיי גייען צום טשעק אין דעסק זיי געבן איין זייער רעזערוועישן נאמבער דער ווייזט זיי צו סווייפן דעם קארטל - דאס איז נאר פאר אינשורענס... דער גוי' נעמט ארויס דריי ענוועלאפס וואס אנטהאלט אלע האטעל אינפארמאציע מיט די שליסלעך צום צומער.

זיי גייען אריין אין עלעוועיטער און זוכן אויף זייער שטאק ס'ווערט זיי נישט





גוט, זייער צימער איז אויפן נייניגסטן שטאק! וואס טוט מען שבת? יואלי וייס זאגט זיי מ'וועט באלד אויספיגערן שבת... יעצט לאמיר זיך גיין מאכן באקוועם, לאמיר כאטש ענדשויען דעם מאמענט.

זיי קומען אן אויבן אויפן נייניגסטן שטאק זיי עפענען דעם טיר און ס'אנטפלעקט זיך א צימער אבער נישט סתם. יואלי ברוין רופט זיך אן הויך "דער צימער איז כמעט צוויי מאל אזוי גרויס ווי מיין דירה אין וויליאמסבורג!"



און די הערליכע פאנאראמישע אויסקוק פון די פענסטער זיי קענען אראפ קוקן אויף אלע וואלקן קראצער... זיי זענען גוט פרייליך מ'הייבט זיך אן אויספאקן, יואלי וייס איז ביזי אנשטאפן יעדע ליידיגע שופלאד מיט נאך עסן כאילו ס'קומט א הונגער יאר...

זיי קלינגען אן דעם חב"ד רב מאכן זיכער אז די תפילות און סעודת זענען מסודר, ער געבט זיי זיין אנטווארט מיר קענען אייך קוים ווארטן אויפצונעמען.

תכלית וואס טוט מען דא וועגן שבת? געבט יואלי שווארץ א פרעג, זיי ווארפן זיך פארלוירענע בליקן איינער אויפן צווייטן וואס טוט מען טאקע? דאס איז נישט קיין וויץ, נייניג שטאק!

נישטא קיין צוויי ברירות זאגט יואלי שווארץ מיר מוזן גיין דאווענען די איינציגסטער וועג איז אז מ'קומט אראפ פארן זמן מיטן עלעוועיטער און נאכן סעודה גייט מען דארפן ארויפגיין אויף עפעס אן אופן... און צופרי' קומט מען אראפ און מ'בלייבט אונטן ביז מוצאי.

יעצט דארף מען נאר אויספיגערן ווי אזוי וואקט מען ארויף נייניג שטאק. יואלי ברוין רופט זיך אן הער מיר גוט אויס די איינציגסטע וועג פון דאס קענען מאכן איז אויב אונז קענען זיך אויף עפעס אן אופן דיסטרעקטן.

איך מיין מ'גייט זיך צוטיילן מיט די שטאקן יעדער נעמט דרייסיג שטאק און ער גייט דארפן דיסטרעקטן דעם עולם פאר זיין דרייסיג שטאק און נאכדעם נעמט דער נעקסטער איבער.

"יעצט הער אויס" זאגט יואלי ברוין ווייטער, "יואלי שווארץ דו ביסט דאך א מומחה אין באקן מעשיות דו האסט דרייסיג שטאק אונז צו האלטן געשפאנט מיט א פעסטע שרעקעדיגע מעשה. יואלי וייס - דו ביזט דאך א לץ שבלצים גרייט דיך אן פעסטע דשאוקס צו קענען האלטן דעם עולם אין ראמען פאר דרייסיג שטאק". און איך - זאגט יואלי ברוין - איך האב דאך ליב גוטע שווערע חידות איך גיי מיך אנגרייטן פיינע חידות פאר די לעצטע דרייסיג שטאק, מיר קענען עס באוויזן פירט ער אויס.



ענטוזיאסטיש זענען זיי אלע מסכים מיט אים, און מ'הייבט זיך אן גרייטן מיט די הכנות צו שבת. זיי גייען אין סווימינג פול כאפן א מקוה מ'לייגט זיך אראפ פאר א פיינע ערב שבת שלאף - מ'גייט דאך דארפן היינט נאכט האבן פעסטע כוחות צו קענען קריכן די נייניג שטאק...

זיי טוען זיך אן שבת'דיג און מיט א קלאפעדיגע הארץ רופן זיי דעם עלעוועיטער וויסענדיג אז די וועג צוריק איז צופיס! זיי קומען אראפ אונטן אין לאבי זיי געבן די שליסל פאר די ריסעפשן דעסק און זיי לאזן זיך אין וועג אריין צו די חב"ד הויז פאר די



תפילות און סעודות שבת.

ס'איז געווען ממש א געשמאקע אטמאספער די חברה האבן זיך מחי' געווען עפעס אנדערש פון וואס מ'איז צוגעוואוינט... נאכן סעודה איז געווען א פיינע פארברענגונג און צו זיי ווילן יא צו זיי ווילן נישט איז צייט צוריק צו גיין אין האטעל!

די גאנצע וועג אהיים האט קיינער נישט ארויסגערעדט א ווארט פון מויל, אנגעצויגענהייט שפאצירן זיי אינאיינעם אויף די טשייניזע גאסן. זיי קומען שוין אן אינעם גיגאנטישן בנין זיי זוכן אויף די טרעפ און יואלי שווארץ הייבט אן מיט א גאר שפאנענדע שרעקעדיגע מעשה.



אזוי קריכן זיי די שטיגן אינאיינעם יואלי שווארץ טראגט זיי גוט אוועק די מוחות מיט זיין ערציילונג זיי האלטן ביי די זעכצנטער שטאק אזוי גייען זיי שטאק נאך שטאק ביז די מעשה קומט צו אן ענדע... יא מ'האלט שוין ביים דרייסיגסטן שטאק! א דריטל שוין פאריבער.

יואלי ווייס נעמט איבער ער הייבט אן קראכן דשאוקס איינס נאכן צווייטן די חברה קענען קוים אטעמען אזוי האלט ער דעם עולם גוט אין די ראמען בשעת זיי קריכן ווייטער. אה מ'האלט שוין צוויי און פופציג נאך א שטאק דריי און פופציג יואלי ווייס טראכט אזוי צו זיך איך לויף שוין באלד אויס פון זעכציגסטע שטאק און יואלי ברוין נעמט איבער. ער הייבט אן מיט זיינע טיפע חידות ער שלעפט זיי אינגאנצן אוועק די מח פון די פאקט זיי קריכן שוין יעצט צוויי און זיבעציג שטאק! אזוי גייען זיי ווייטער אינאיינעם זיי האלטן שוין ביי ניין און זיבעציג אט אט... יואלי ברוין האלט זיי גוט אין די ראמען ער שיסט איין חידה נאכן צווייטן זיי האלטן שוין ביים זיבן אין אכטציגסטער שטאק אזוי נאנט זיי זענען שוין די סוף... און יואלי ברוין געבט זיך א רוף אן איך האב איין שווערע שווערע חידה.

האט איינער גענומען דעם שליסל פון ריסעפשן......???

אידן שלעפן זיך מוטשענען זיך מיט שווערע נסיונות מ'לעבט אפּ די פאר יאר אזוי פיל מענטשן זענען נעבעך צומישט ער מוטשעט זיך און פלאגט זיך אבער ער זעט נישט דעם וועג ארויס, דער פרובירט זיך דערהאלטן אויף אזא וועג, דער אויף אזא וועג.

קומט א מפיץ טיילט אויס שליסלעך פאר יעדן ס'איז דא א וועג די טיר איז נישט פארמאכט ס'איז דא עצות פון א צדיק יעדער קען האבן א זיסע לעבן א לעבן מיטן אייבערשטן א לעבן מיט די תורה א לעבן מיט שלום בית, דארפסט זיך נישט אזוי מוטשען אין לעבן, אידישקייט איז די זיסטע זאך וואס איז נאר דא!

שטעל זיך פאר אז דארט ביים זיבן און אכציגסטן שטאק קומט צו לויפן א בחור'ל מיט א שליסל און זאגט זיי דא האט איר, זיי וואלטן אים נישט געקענט אויפהערן צו דאנקן ער האט דאך זיי ממש געראטעוועט. די זעלבע טוט דער מפיץ מיט אידישע נשמות וואס מוטשען זיך ארום און זעען נישט קיין וועג פאר זיך און דער מפיץ קומט און געבט אים א נייע וועג צו לעבן ער עפענט אים אויף אלע פארשפארטע טירן!

שכח אייבערשטער אז מיר זענען מקורב צום רבי'ן און מיר קענען האבן דעם זכות פון מקרב זיין אנדערע און העלפן נאך אידישע נשמות זיך מחיה זיין מיט דער רבינ'ס עצות!

# קלאסיפיידס

ברסלב
שטיצע ברסלב

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

## בשורה טובה!

א פוס דאקטאר וועט אראפקומען אין
שטעטל, זונטאג מטות מסעי (July 9th) פאר
קינדער און ערוואקסענע וואס קענען געניסן פון
ספעציעלע orthopedic wear
זיך איינצושרייבן ביטע רופט
(845) 859-9800
צווישן 12:00 און 6:00
די אנדערע צייטן ביטע לאזט א קלארע
מעסעדזש מיט אייער נאמען און טעלעפאן
נומער און מיר וועלן אייך אי"ה צוריק רופן.
פלאץ איז באגרעניצט, שרייבט אייך איין וואס פריער!

דאס איז נאר פאר די וואס זענען נישט געווען אין די ווינטער.



## Garden Suites

הערליכע פינף נייע Suits שטייט גרייט צו
פארדינגען פאר אלע צייטן פון די יאר, פאר
קורצע אדער לענגערע צייט.
פאראינטערעסירטע ביטע רופן
646-565-0966



שיינע פריוואטע 1
בעדרום דירה אויף
האשקי צו פארדינגען
פאר א שבת, אדער
פאר א וואך.

צו באשטעלן ביטע רופט
845-492-0566

## דירות אין שטעטל פאר זומער

איין בעדרום דירה און צוויי בעדרום דירה
אויף האשקי שטייט גרייט צו פארדינגען
פארן גאנצן זומער, און אויך פאר שבתים.

פאראינטערעסירטע ביטע רופן
845-774-5616 #104

## דירה אין שטעטל פאר זומער

הערליכע פיר בעדרום דירה שטייט
גרייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער

פאראינטערעסירטע ביטע רופן
917-501-5100

# קלאסיפייד'ס

ברסלב
שטיצט ברסלב

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*







PLUMBING SERVICE
For all your plumbing needs
Specializing in:
New construction • camps and country's
• booster pumps • waterworks and more

Call LAZER MAINTENANCE
**917-202-1206**

בס"ד

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES
Kbbsbookeeping@gmail.com
1-845-293-7667

**Did you open a new business?**
**Is your business not running properly?**
**Do it the RIGHT way!**

- QuickBooks Setup
- Account Receivable
- Accounts Payable
- Sales Tax
- Daily Cash Management
- Collections

## דירות אין שטעטל פאר א קורצע צייט

יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122

אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566

ראובן בירנבוים – 347-549-5625

גרעסערע דירה – 845-637-5367



## א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

## פרשת במדבר - תשפ"ג

**החתן יוסי זינגער נרו יאיר דערציילט:** שכח אייבערשטער איך האב נאכמאל געהאט די זכי' צו עסן די סעודת שבת ביים ראש ישיבה שליט"א, איך פרובירן מיטצוטיילן דאס ביסל וואס איך געדענק.

פרייטאג צונאכטס אויפן וועג ארויף די טרעפ צו דער ראש ישיבה'ס הויז האט א שכן פון דער ראש ישיבה געפרעגט דער ראש ישיבה פארשידנארטיגע שאלות בנוגע די שטעטל, וויפיל מענטשן וואוינען דארט, ווי אזוי ס'איז דא פרנסה דארט, און אזוי ווייטער, דער ראש ישיבה האט אים געענטפערט מיט א רואיגקייט אלע זיינע שאלות, און ווען ער האט געזאגט זיינע הערות האט דער ראש ישיבה מיטגעשאקלט מיטן קאפ.

איינע פון די שאלות וואס ער האט געפרעגט איז געווען, אויב שבועות גייען אלע שטעטל איינוואוינער קומען דאווענען ביי דער ראש ישיבה'ס מנין, האט דער ראש ישיבה אים געענטפערט: "איך בוי נישט קיין חסידות ווי יעדער מוז קומען דאווענען דא, איך בוי א קהילה נישט קיין חסידות".

נאכדעם ווען ער איז אוועקגעגאנגען האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "ווען איינער פרעגט דיך שאלות וועגן די שטעטל דארפסטו נישט ענטפערן יעדע זאך, מ'שאקלט מיט מיטן קאפ, 'הונדערט טויזענט דאלער?' שאקל מיט דיין קאפ, 'הונדערט מענטשן וואוינען דארט?' שאקל מיט דיין קאפ, ער איז ניטאמאל

> **אין היכל הקודש קאסט די לעבן נישט קיין געלט.**

אינטרעסירט צו וויסן, פשוט ער האט דיך יעצט געטראפן און ער האט נישט קיינעם אנדערש צו שמועסן מוז ער דיך יעצט אויספרעגן"...

גלייך ווען מ'איז אנגעקומען אהיים האט דער ראש ישיבה אויסגעשריגן מיט א שמייכל: "**גוט שבת! גוט שבת!**"

דער ראש ישיבה האט געהייסן די קינדער צאמפאקן די שפילצייג וואס איז געווען אויסגעגאסן אויף דער ערד, דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיין ווייב אלע געסט וואס ער האט געברענגט, און דערנאך האט מען זיך געזעצט צום טיש.

מ'האט אנגעהויבן די סעודה אזוי ווי יעדע וואך, מ'האט געמאכט קידוש, דער ראש ישיבה האט געוואשן זיינע קינדער, דער ראש ישיבה האט געהייסן איינע פון די קינדער אריינברענגען די פיש, און אזוי ווייטער.

דער ראש ישיבה'ס קינדער האבן געקוקט די בילדער אינעם קרית ברסלב בלעטל פון דער ראש ישיבה'ס נסיעה קיין ארץ ישראל, זיי האבן געפרעגט הונדערט קשיות, וואו איז דאס און וואו איז יענץ, און דער ראש ישיבה האט זיי אלע געענטפערט מיט א רואיגקייט און מיט געדולד.

דער ראש ישיבה'ס זון הערשי האט געפרעגט ווי אזוי ס'פילט זיך צו זיין אין ארץ ישראל, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט: "הערשי, איך מאך מיט דיר א געשעפט, **ווען דו ענדיגסט ש"ס טראג איך דיך אויף ארץ ישראל!**"

מ'איז אריין אין שמועס וועגן די

הוצאות וואס קאסט צו פארן צום רבי'ן ראש השנה, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "**דא אין היכל הקודש קאסט די לעבן נישט קיין געלט,** חתונה מאכן קאסט נישט, קליידער פאר קינדער קאסט אויך נישט, אפילו קעמפ קאסט שוין אויך נישט, די איין זאך קאסט נאך, פארן צום רבי'ן אויף ראש השנה, היינט קאסט צו פארן מיט צוויי קינדער א פעקעלע געלט! (צען טויזענט דאלער)."

דער ראש ישיבה האט דערציילט פאר זיין ווייב אז חודש אלול גייט זיין דריי חתונות אין ישיבה אין איין וואך, און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך האב געזאגט פאר ... ער זאל מאכן די חתונה אלול, נאך פאר די ימים טובים, זיין ימים טובים חתונה געהאט איז איינאנצן אן אנדערע מעשה"... האט זיך איינער אנגערופן אז איין פראבלעם האט חתונה האבן אין חודש אלול, אז נאכדעם איז זייער שווער צו פארן קיין אומאן. האט דער ראש ישיבה אים געענטפערט: "און זיין א בחור איז נישט שווער? און א יאר נאך די חתונה איז נישט שווער?..." האט יענער געזאגט אז מענטשן פון די משפחה קענען זיך אריינמישן, האט דער ראש ישיבה אים געענטפערט: "נאך די חתונה איז שוין דא א נייע משפחה, נאך די חתונה איז 'די ווייב' די משפחה, אודאי דארף מען נאך די חתונה ווייטער מכבד זיין די עלטערן, אבער **משפחה איז נאר די ווייב און קינדער!**"

דער ראש ישיבה האט דערציילט: "אפאר וואכן צוריק האט א אינגערמאן פון די שטעטל פארקויפט א הויז וואס ער האט פארמאגט און ער האט געמאכט דערפון א מיליאן דאלער, און ער איז געקומען ברענגען די גאנצע געלט פאר דער ראש ישיבה, און דער ראש ישיבה האט געגעבן די געלט צו בויען א דריטע בנין פאר די תלמוד תורה. יעצט האט א צווייטער אינגערמאן אים נאכגעמאכט, ער האט פארקויפט איינע פון זיינע הייזער און געמאכט דערפון דריי הונדערט טויזענט דאלער, און די גאנצע געלט האט ער אוועקגעגעבן פאר דער ראש ישיבה."

## חתונה מאכן קאסט נישט, קליידער פאר קינדער קאסט אויך נישט, אפילו קעמפ קאסט שוין אויך נישט, די איין זאך קאסט נאך, פארן צום רבי'ן אויף ראש השנה.

דער ראש ישיבה'ס ווייב האט געפרעגט וואס מ'גייט טון מיט די געלט, האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "מ'האט יעצט אנגעהויבן בויען א בנין פאר א בית המדרש און פאר תלמוד תורה אין מחנה אילן החיים, די געלט וועט גיין פאר דעם נייעם בנין".

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז די וואך האט זיך געעפנט די נייע גראסערי אין שטעטל, דער ראש ישיבה האט דערציילט ווי גרויס ס'איז און אז ס'גייט זיין דארט נאך געשעפטן. האט איינער געפרעגט וויאזוי אזא גרויסע גראסערי קען ווערן אויסגעצאלט פון קוים אפאר שטעטל איינוואוינער, און אפילו אויב ער רעכנט זיך אויף די מענטשן וואס קומען זומער אין די קעטסקילס, פארוואס זאל יעצט די גאנצע קעטסקילס קומען צו די גראסערי? האט דער ראש ישיבה אים געענטפערט אז אין שטעטל וואוינען שוין היינט גאר אסאך משפחות, און בכלל איז די גראסערי ביליגער ווי אלע אנדערע גראסערי'ס אין די קעטסקילס.

אינמיטן שמועסן ביים טיש האט מען געהערט ווי איינע פון דער ראש ישיבה'ס קינדער האבן אנגעהויבן זייער שטארק צו וויינען, ווען ער איז געקומען צום טיש האט מען געזען ווי זיין קאפ בלוט זייער שטארק, דער ראש ישיבה האט אים געפרעגט: "וואס איז געשען", האט ער געזאגט אז די בעבי יחזקאל האט געשאסן א שפיציגע לעגא אויף זיין קאפ, האט דער ראש ישיבה געברענגט די בעבי און געוויזן ווי ס'בלוט, און דער ראש ישיבה האט אים געוויזן "נא נא", און דער ראש ישיבה האט בארואיגט זיין זון ביז ער איז צוריק געגאנגען שפילן.

דער ראש ישיבה'ס זון האט געברענגט א צעטל פון די אקדמות, דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן מאכן אן עסק דערפון, און אנגעהויבן זינגען הויך די אקדמות צוזאמען מיט אים, דער ראש ישיבה האט אים געגעבן אסאך אויפמערקזאמקייט.

דער ראש ישיבה האט געהייסן איינע פון די קינדער אריינברענגען

<<<<

די אייסעס, און דער ראש ישיבה האט אויסגערופן: "ווער דארף אייסעס" אבער קיינער איז נישט געקומען, האט דער ראש ישיבה זיך אויפגעשטעלט און אנגעהויבן טאנצן און זיך נאריש מאכן מיט די אייסעס, דעמאלטס זענען אלע קינדער געקומען צו לויפן, אלע האבן מיטגעטאנצן מיט די אייסעס, ס'איז געווען זייער שיין צו זען.

נאכן טאנצן האט דער ראש ישיבה אויסגערופן: "**ווער ס'האט א מעשה פון תפלה באקומט א אייסעס!**" (אן אינטערעסאנטע זאך וואס איך האב באמערקט, אז דער ראש ישיבה ווארט אפילו נישט זיי זאלן זאגן א געהעריגע מעשה פון תפלה, זיי הייבן אן זאגן 'איך האב געבעטן די אייבערשטער' און דער ראש ישיבה געבט זיי גלייך אן אייסעס)

איינע פון די קינדער האבן געמוטשעט דער ראש ישיבה ער זאל זאגן דזשאוקס, האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן דערציילן אפאר דזשאוקס:

א מענטש איז אמאל געקומען צום דאקטער זיך באקלאגן אז ווען ער טרינקט טיי באקומט ער אויגן ווייטאג, האט אים די דאקטער געזאגט: "ס'קען נישט זיין! לאמיך זען, מאך יעצט א טיי דא אין מיין אפיס". ער האט האט זיך געשטעלט מאכן א טיי, און דער דאקטער האט געזען ווי ער מישט אויס די טיי מיט א לעפל און נאכדעם לאזט ער איבער די לעפל די גלאז, און נאכדעם ווען ער טרינקט שטעכט די לעפל אריין אין זיין אויגן...

א צווייטער פלעגט קומען יעדן טאג צום דאקטער פאר א צווייטע זאך, איין טאג זיין אויגן טוט וויי, די נעקסטע טאג זיין פוס טוט וויי, איין טאג זיין קאפ, איין טאג זיין בויך, אזוי פלעגט ער קומען יעדן טאג פאר א צווייטע זאך. איינמאל איז אריבער א גאנצע טאג וואס ער איז נישט געקומען, די נעקסטע טאג פרעגט אים די דאקטער: "פארוואס ביסטו נישט געקומען?" האט ער אים געענטפערט: "ווייל איך האב מיך נישט גוט געפילט"...

**ווען דער ראש ישיבה האט דערציילט די דזשאוקס זענען אלע קינדער געשטאנען ארום פארגאפט, און אויסגעהערט יעדעס ווארט, און ווען מען האט געענדיגט די דזשאוקס האבן זיי נישט אויפגעהערט לאכן.**

ס'איז געווען איינער וואס האט נישט געקענט זאגן א 'מ', אנשטאט א 'מ' פלעגט ער זאל א 'ו', ער איז געווען א גבאי אין א שול, און איינמאל האט ער אויסגערופן: "וואזל טוב, וואזל טוב, ווענדל וואשקאוויטש האט געהאט א ווײדל!..."

ווען דער ראש ישיבה האט דערציילט די דזשאוקס זענען אלע קינדער געשטאנען ארום פארגאפט, און אויסגעהערט יעדעס ווארט, און ווען מען האט געענדיגט די דזשאוקס האבן זיי נישט אויפגעהערט לאכן.

מ'האט געזינגען אביסל זמירות, נאכן זינגען איז מען אריין אין א שמועס וועגן מוזיק, דער ראש ישיבה האט דערציילט: "עס איז דא ניגונים וואס עפענט די הארץ מען קען זיך גוט אויסוויינען, דער ראש ישיבה האט געערעדט פון דער ניגון "משה'לע" - דא האבן די קינדער אריינגעהאקט: "וועלכע משה'לע? פון מומביי?" האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן דערציילן פאר זיינע קינדער די גאנצע מעשה פון אנפאנג ביזן סוף, די קינדער זענען געשטאנען פארגאפט.

דער ראש ישיבה האט זיי דערציילט אז דעמאלטס איז יעדער געשטאנען און געווארט צו הערן די נייעס אז מ'האט זיי באפרייט, דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איינער האט מיר דערציילט אז מוהרא"ש האט געהערט קול מבשר יענע טאג, צו הערן אויב מ'האט זיי באפרייט", האט איינער געפרעגט: "מוהרא"ש פלעגט הערן קול מבשר?" האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "דעמאלטס האט יעדער געווארט צו הערן די גוטע נייעס אויב מ'האט זיי שוין באפרייט".

שכח אייבערשטער איך האב געהאט די זכי' צו עסן די סעודה ביי דער ראש ישיבה, איך האף די חשוב'ע לייענער וועלן ארויסנעמען שיינע זאכן לעובדא ולמעשה.


ב"ה
fun till the sky!
We are ready for another summer full of fun!!
Light refreshments will be sold
Outdoor activities opening date
זונטאג חקת- בלק
Outdoor activities will be open every Sunday and Wednesday (weather permitted) indoors will be open all other days...
Waiting to serve you the TANTZ MIT AMUNA crew
טאנץ מיט אמונה
opening special- come grab your free cotton candy!
for private appointment call 8453760380
121 twin bridge liberty N.Y.
IDEA. 8457769664

# א גאנצע



אנש

# מעלאנע



חיל

קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

פרשת קרח

## חידות
אפטיילונג

**דער בעל שם טוב האט אונז מגלה געווען אז עס לוינט פאר א נשמה אראפצוקומען אויף די וועלט זיבעציג יאר אבי צו קענען**

א. מכבד זיין טאטע מאמע
ב. א טובה טון פאר א איד
ג. זינגען זמירות שבת
ד. מאכן השבת אבידה

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער רבי האט געזאגט: מ'דארף דאנקען ר' רפאל פון בערשיד, ער האט אריינגעברענגט אין די וועלט
**א קאלטע קאפיטל תהלים**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**פייגי אינדיג תחי' - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף
די ווערטער

| | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| נ | ה | מ | ס | כ | ח | ל | ז | ח | ר | ל | ג |
| ע | ל | י | ב | א | ד | א | נ | ק | ע | נ | י |
| נ | ג | ע | ו | ו | א | ו | י | נ | ה | מ | י |
| ר | מ | ד | א | ג | ע | מ | ל | מ | ד | ז | ס |
| ע | ל | ע | ו | ג | נ | ט | א | מ | י | ט | ט |
| ל | מ | ס | נ | מ | ד | א | מ | כ | מ | ג | א |
| מ | ד | י | ז | ז | י | כ | צ | ה | מ | ו | ז |
| ע | ה | ר | י | פ | ג | ז | א | ל | ס | ט | ו |
| נ | א | ז | כ | י | ט | ג | ד | י | ג | ע | י |
| י | מ | י | ט | ר | א | ד | ש | י | נ | ק | ב |
| י | ו | כ | כ | ז | כ | ו | פ | ש | ד | כ | נ |
| א | נ | י | פ | ר | פ | א | י | ר | ע | י | ו |
| א | ז | ה | א | ג | צ | ו | ל | פ | י | ו | נ |
| ר | א | פ | ר | ו | ע | נ | נ | ד | ז | י | כ |
| צ | ו | ג | ע | ו | ו | א | ו | י | נ | ע | נ |
| פ | ש | ו | י | ס | פ | א | י | י | ד | ע | ר |

**פיר זיך אויף מיט דרך ארץ און געוואוין זיך צו אז יעדעס מאל דיין מלמד ענדיגט לערנען, איידער דו גייסט זיך שפילן און זיך אפרוען - זאג א יישר כח פאר דיין מלמד, אזוי אויך זאלסטו זיך צוגעוואוינען מיט די גוטע מידה פון זיך באדאנקען פאר יעדן איינעם.**

*(עצות אמונה פרשת בשלח תשפ"ג)*

## טרעף די וועג

כאפט אייך אריבער פון איין זייט קעסטל צום צווייטן



## שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנען דיך די בילדער?



ענטפער פון פאריגע וואך

דער רבי האט געזאגט: "ביי די וועלט איז אמונה א קלייניגקייט, ביי מיר איז דער עיקר - אמונה!"

## א שטיקעלע ספר המדות

### הַכְנָסַת אוֹרְחִים

א. מִי שֶׁאֵין מַכְנִיס אוֹרְחִים, בָּזֶה מַחֲזִיק יְדֵי מְרֵעִים, שֶׁלֹּא יַחְזְרוּ בִּתְשׁוּבָה.

וֶוער עֶס נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין קַיין גֶעסְט, שְׁטַארְקְט עֶר מִיט דֶעם דִי רְשָׁעִים אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות: "דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

# קליין און שיין



משפחת וועבערמאן - קרית ברסלב
געבויעט באבי טייטלבוים'ס הויז



משפחת פעקעטע - מאנסי
געבויעט א פארק



משפחת יואל וועבערמאן - קרית ברסלב
ברסלב'ע באס



## שיקט אריין א בילד
## פון אייער קינד

# מעשה פון תפלה פאר קינדער

אסתר ויצהנדלער תחי׳ - בית שמש פֿארציילט:




רבקה אפּפּעלדארפֿער תחי׳ - קרית ברסלב פֿארציילט:



# בילדער
## אפטיילונג









דער ראש ישיבה ביים גליונות און קונטרסים טישל נאכן
ליל ששי שיעור - פרשת שלח




אין א שמועס מיט די גבאי היכל הקודש בארא פארק -
ליל ששי שלח



תלמוד תורה היכל הקודש וויליאמסבורג ביים זיך
אויסלופטערן אין פארק



כיתה ט' אין שטעטל באזוכט א מוזעאם נאכן לערנען
פלייסיג




חדר פירן אין שטעטל פון הילד יונתן נ"י בן מו"ה יעקב
לעסער הי"ו - ג' שלח




פרישע מקוה ווערט געגראבן ביים בית המדרש אשר בנחל אין שטעטל




שידראק ווערט געלייגט ביי היכל ראזענבערג אין שטעטל



נייע עירוב טראק געקויפט פארן שטעטל




פרישע ציקערלער צוגעשטעלט פאר די קינדער אין היכל הקודש בני ברק




אנגעהויבן פרעימינג ביים וואכן שול אין שטעטל אויף די בארדיטשוב גאס



תלמוד תורה היכל הקודש טברי' ביים תנא יונתן בן עוזיאל אין עמוקה ביים טאג פון די יארצייט



חומש סעודה אין תלמוד תורה היכל הקודש ליבערטי - א' קרח

# האחיכם יבאו למלחמה ואתם תשבו פה

# הכונו

מגבית

# אנשי חיל

י״ד-ט״ו מנחם-אב

# $1,000,000.00